

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי אביגדור מיללער זצ"ל
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

לך לך
תשפ"א לפ"ק
גליון קמ"א

## פראגע

### ווען א איד וואונטשט א ברכה פאר א צווייטן איד, וואסערע השפעה האט עס?

## ענטפער:

עס ווענד זיך. אויב מען טוט עס סתם אלס א פארמאליטעט, סתם אלס העפליכקייט, איז עס טאקע נאר דאס – א פארמאליטעט. ס'איז א וועג וויאזוי אים צו מכבד זיין. אבער פון די אנדערע זייט, אויב ער האט **שכל** עס צו נוצן אלס **א תפלה**, איז עס זייער א גוטע אינוועסמענט.

יעצט לייגט צו קאפ. איינס **פון די בעסטע זאכן אויף דער וועלט איז צו בענטשן א צווייטן איד**. דער אויבערשטער האט מבטיח געווען פאר אברהם אבינו, **"ואברכה מברכך"** – איך וועל בענטשן די וואס בענטשן דיר.

איך וועל עס מסביר זיין. די ערשטע זאך דארפן מיר וויסן אז הקב"ה איז **אוהב עמו ישראל** – דער אויבערשטער האט ליב אידן. קיין שום פראגע דערוועגן. ער האט ליב אידן מער ווי סיי-וועלכע אנדערע זאך אין די גאנצע וועלט. האט נישט מורא עס ארויסצוזאגן! די גאנצע תורה רעדט נאר וועגן די איין נושא – דער אויבערשטער האט ליב אידן! אוהב עמו ישראל. אויב האט איר ליב א איד גענוג שטארק אים צו געבן א גוטע ברכה, וועט אייך דער אויבערשטער זיכער מער ליב האבן צוליב דעם.

אבער אין צוגאב, ס'איז דא א ברית, א בונד וואס השי"ת האט געמאכט מיט אברהם. ער האט געגעבן א צוזאג צו אברהם אבינו – "ואברכה מברכך" - "איך וועל בענטשן די וואס בענטשן דיר". אויב איר וואונטשט א ברכה פון הארצן פאר א איד אז ער זאל האבן הצלחה, אז ער זאל זיין געזונט, האט אייך דער אויבערשטער ליב אין דעם מאמענט אן קיין שיעור! איינס פון די בעסטע זאכן צו טון איז צו געבן ברכות פאר אידן.

אויב איר זאגט "גוט מארגן" פאר אייער שכן סתם אלס א פארמאליטעט, בלייבט עס טאקע נאר א באגריסונג. אבער אויב איר לייגט אריין מחשבה, ווערט עס א תפלה, אן אמת'ע ברכה.

ווען איר גייט דורך א הויז מיט א גרויסע מזוזה אויפ'ן טיר, גיבט אראפ א האלבע מינוט און וואונטש זיי אז זיי זאלן לעבן לאנג אין דעם הויז, אז זיי זאלן זען נחת פון זייערע קינדער, זיי זאלן האבן א שפע אין פרנסה און מאכן שמחות. וויפיל איר קענט נאר זאגן, עס וועט זיך אייך אויסטערליש אויסצאלן. עס לוינט זיך פאר די אייגענע בענעפיט צו געבן וויפיל ברכות מען קען נאר פאר אידן. (#981)

## פראגע

### וויפיל צייט זאל א מענטש אוועקגעבן צו מקרב זיין אנדערע אידן צו תורה און אידישקייט?

## ענטפער:

דאס איז א שאלה מיט וואס איך דריי מיר שוין פערציג יאר און איך האב נאכנישט געטראפן קיין קלארן ענטפער.

פארלייפיג זאגן מיר ווי פאלגענד: ווילאנג איר זענען עוסק אין לערנען; אויב איר האט א שעה און איר ווילט עס איבערנוצן צו לערנען, גיבט די צייט פאר אייך אליינס. אבער האלט אין קאפ אז עס זענען **יא** דא שעות וואס איר בטל'ט סיי-ווי. אסאך מענטשן דארפן זיך אביסל אפרוען, און יענע צייט קען מען אוועקגעבן פאר דעם צוועק; עס איז א געשמאק צו מקרב זיין רחוקים.

און עס איז דא היפש געבטל'טע צייט. איך וועל אייך געבן א ביישפיל. אויב איר זענט א ישיבה-מאן, פרייטאג נאכן סדר הלימוד, אויב איר וואלט געבליבן זיצן אין בית המדרש בשעת יעדער דרייט זיך ארום, און איר זיצט און לערנט – אסאך מענטשן טוען עס, ביזן לעצטן מינוט... גלייך פאר'ן זמן לויפן זיי אהיים נעמען א שויער – דאן אדרבה! גיבט נישט אויף, זעצט פאר צו לערנען!

אבער אויב איר גייט סייווי אפ'בטל'ען די צייט פרייטאג נאכמיטאג, דאן לייגט עס ענדערש אריין אין קירוב רחוקים, און זייט קונה

עולם הבא אין די פרייע צייטן. עס איז דא אסאך צייט וואס ווערט פארשווענדן דורך יעדן איינעם. אסאך מענטשן דארפן א שטיקל אפרוה פון לערנען און א שטיקל טויש.

אבער די ערשטע ראלע איז – עס קען אויסקוקן 'סעלפיש' – אבער איך צי נישט צוריק: אויב איר האט א שעה צו לערנען, לערן! און געב עס נישט אוועק פאר קיין שום אנדערע צוועק.

## פראגע

**א מענטש וואס איז 100 יאר און ער האט אלע סארט וויטאמינען און עס איז אים זייער שווער צו טון עפעס. ער וויל וויסן וויאזוי ער קען אויסנוצן זיינע לעצטע יארן פאר עבודת השם?**

## ענטפער:

ער זאל זאגן "יישר כח באשעפער! איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו האסט געטון צו מיר. דו ברענגסט מיר צו ענוה. מיין גאנצע לעבן בין איך געווען א בעל גאוה צוליב מיין יונגקייט און געזונט. און יעצט באקום איך א טריעטמענט פון דיר כדי זיך צו מכניע זיין פאר דיר, איידער איך גרייט מיר צו פארלאזן די וועלט. איך בין קונה שלימות אין מיינע לעצטע טעג, בעפאר עס וועט שוין זיין צו שפעט. איך דאנק דיר באשעפער!"

ער זאגט דאס אגאנצן צייט און ער טראכט אריין דערין, און ער ווערט מער און מער אויסגעארבעט נאר דורך דעם. דאס איז זיין הצלחה.

## פראגע

**פארוואס שטיצט איר ניקסאן אין די יעצטיגע וואלן? וואס האט ער געטון פאר די אידן?**

## ענטפער:

וואס ניקסאן האט געטון פאר די אידן האב איך נישט קיין אנונג, אבער וואס ניקסאן **טוט נישט** פאר די רעוואלוציאנערן דאס קען איך אייך זאגן. ניקסאן מוטיגט נישט די ראדיקאלן און די רעוואלוציאנערן. דאס איז איין זאך וואס ער טוט – און ס'איז גענוג.

איך וועל אייך געבן א משל. לאמיר זאגן ס'זענען דא צוויי קאנדידאטן: איינער ווערט געשטיצט דורך - לאמיר זאגן - אלע נאציס. אלע נאציס זאגן צו שטימען פאר דעם קאנדידאט. און דער אנדערער מענטש האט נישט די אינדארסירונג פון די נאציס. וועט איר פרעגן, "וואס האט דער אנדערער קאנדידאט געטון פאר מיר?" ניין – מען פרעגט נישט קיין שאלות! אויב דער קאנדידאט איז אינדארסירט דורך די נאציס, דאן ווייסן מיר אז דער אנדערע קאנדידאט פארלאנגט אונזער שטיצע.

און דערפאר, אויב מעקגאווערן איז אינדארסירט דורך אלע רעוואלוציאנערן, דורך אלע היפיס, דורך די אפפאל פון די מענטשהייט, דאן איז דער אנדערער קאנדידאט די זאך! מיר קענען נישט שטיצן די וואנדאלן און ראדיקאלן וועלכע ווילן חרוב מאכן אמעריקע – די וואס ווילן צעברעכן אלע יסודות פון מאראל.

און די רעקלאמעס וואס מען זעט אין די צייטונגען צו פארדאמען ניקסאן פאר'ן שטעלן קאנסערוואטיווע ריכטער – טאקע דערפאר זענען מיר פאר אים! די ריכטער וואס ער שטעלט זענען די גוטע ריכטער! אלע ריכטער וואס ניקסאן האט געשטעלט אויפ'ן סופרים קאורט זענען אזעלכע וואס מיר ווילן. נאר ווען זיי לייגן אריין א רעקלאמע און זיי שרייבן "קוק וואס ניקסאן האט געטון. ער האט געשטעלט דעם און דעם און דעם," איז אפילו מען ווייסט גארנישט וועגן זיי, טראכט מען גלייך אז זיי מוזן זיין שלעכט. די נארישע מאסן ווערן פארנארט דורך די מאכט פון דאס געדרוקטע ווארט.

ניקסאן פרובירט נעבען זייער שטארק צו פארריכטן אמעריקע. איך זאג נישט אז ער איז א צדיק, אבער ער איז נישט וואס דער אנדערער קאנדידאט איז – און דאס איז גענוג פאר אונז. דאס איז א גענוג גוטע סיבה צו ארבעטן פאר זיין הצלחה. אדרבה, געב אוועק צייט דערפאר. רופט אן אייערע פריינד און מאכט זיכער אז מען גייט שטימען. זאגט זיי צו שטימען פאר ניקסאן. ס'איז א מצוה – דאס איז וואס איך האלט.

קיינער באצאלט מיר נישט. איך באקום נישט קיין טובות פון אים. ער קען מיר אפילו נישט. איך זאג אייך בלויז דעם אמת. (#4)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב